Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

**Najer Folksblat** | פּרייז 20 גראָשען | היינט 8 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

אונפּאַרטייאישע פּאָליטיש-געזעלשאַפטליכע טאָג-צייטונג

Nr. 97 (1091) | לאָדז, מיטוואָך כה ניסן תרפ"ז. | פינפטער יאָהרגאַנג | Łódź, Sroda 27 Kwietnia 1927 | Nr. 97 (1091)

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 24-71. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, Tel. 24,71.

# פּראָצעס פאָרד-שאַפּיראָ אָפּגעלייגט,

## ווייל איין געשוואָרענער ריכטער, אַ פרוי, איז כלומר'שט אונטערגעקויפט.

ניו-יאָרק, 26 (טעלעגראַפיש דורך יט"אַ) די פערטיידיגער פון הענרי פאָרד האָבען היינט ווידער געמאַכט אַ פּרוב איבערצורייסען דעם פּראָצעס געגען פאָרד'ן. דאָסמאָל איז עס זיי געלונגען. די פערטיידיגער פון פאָרד'ן האָבען ווידער בעגייט די פאָרוואורפען געגען איינעם פון די געשוואָרענע ריכטער, פרוי האָפמאַן. זיי האָבען אָנגעוויזען, אַז פאָרד'ס דעטעקטיווען האָבען בעוויזען, אַז די פרוי האָפמאַן שטעהט אין קאָנטאַקט מיט שאַפּיראָ'ס פערטיידיגער. פרוי האָפמאַן האָט כלומר'שט געזאָלט בעקומען 10-15 טויזענד דאָלאַר פאַר שטימען בעת'ן אַרויסטראָגען דעם אורטייל געגען פאָרד'ן.

שאַפּיראָ'ס אַדוואָקאַט גאַראַנגעל האָט פּראָטעסטירט געגען די מעטאָדען, מיט וועלכע דער צד שכנגד פיהרט דעם פּראָצעס.

דער פאָרזיצענדער פון געריכט האָט ערקלערט, אַז הגם ער איז זיכער, אַז די פאָרוואורפען געגען פרוי האָפמאַן וועלען נישט קענען בעוויזען ווערען און פרוי ה. וועט זיך קענען פון זיי ריינוואַשען, פונדעסטוועגען מוז ער דעם פּראָצעס איבעררייסען.

פרוי האָפמאַן האָט געגעבען איינעם פון די צייטונגס-פאָרשטעהער אין דעטראָיט אַן אינטערוויאו, וואָס איז לויט'ן געזעץ נישט ערלויבט פאַר אַ געשוואָרענעם ריכטער, דער פאָרזיצענדער האָט דעריבער ערקלערט, אַז ער מוז די פרוי האָפמאַן דיסקוואַליפיצירען אַלס ריכטער.

## אומגעקומען אַ יודישער געלעהרטער

זאַגרעב, 26 (טעלעגראַפיש דורך י.ט.א.) דער בעוואוסטער פּראָפעסאָר פון נאַטור-וויסענשאַפט פּראָפ. מאַקס מאַנדעל איז אומגעקומען בעת איינע פון זיינע וויסענשאַפטליכע עקספּעדיציעס. ער איז אַראָפּגעפאַלען פון די סקאַלאַדע-בערג אין אַן אָפּגרונד. עס האָט געדויערט אַ לענגערע צייט ביז מ'האָט געפונען זיין טויטען קערפּער.

----

## גרויסע שרפה אין אַ יודיש שטעטעל.

בוקאַרעשט, 26 (טעלעגראַפיש דורך י. ט. א.) אין שטעטעל נאַסאוד (טראַנסילוואַניען) איז אויסגעבראָכען אַ גרויסע שרפה. עס זענען אָפּגעברענט געוואָרען 150 הייזער. צווישען זיי פיל יודישע, פון די יודישע הייזער איז אָפּגעברענט געוואָרען די שוהל, די באָד, דאָס הויז פון רב און איינע פון די רייכסטע יודישע ביבליאָטעקען.

----

## פּרעזידיום פון נייעם שטאָדט-ראַט אין ירושלים.

ירושלים, 26 (טעלעגראַפיש דורך יט"אַ) דאָ איז פאָרגעקומען די פּלענאַר-זיצונג פון דעם ניי-געוועהלטען שטאָט-ראַט. אַלס פאָרזיצענדער איז געוועהלט געוואָרען דער פיהרער פון דער מעסי-נער אַראַבישער פּאַרטיי נאַשאַשיב, אַלס וויצע-פאָרזיצענדער זענען געוועהלט געוואָרען: דער יודישער ראַטסמאַן חיים סאַלאָמאָן און דער קריסטליכער פאַראַי.

## הערמאַן בערנשטיין אין רומעניען.

בוקאַרעשט, 26 (טעלעגראַפיש דורך י.ט.א.) פון פוילען איז דאָ אָנגעקומען דער אַמעריקאַניש-יודישער זשורנאַליסט הערמאַן בערנשטיין. ער איז פערבליבען עטליכע טעג אין בוקאַרעשט און אויפגענומען געוואָרען דורך דעם אַמעריקאַנישען אַמבאַסאַדאָר. בערנשטיין האָט אויפגענומען אַ גאַנצע רייהע כלל-טוער. פון דאָרטען פאָהרט בערנשטיין קיין קישינעוו.

## ספּאָרט-פעסט אין א"י.

ירושלים, 26 (טעלעגראַפיש דורך י. ט. א.) אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דריטער קאָנפערענץ פון דער התתדרות העובדים, וואָס וועט אין דער גאַהנ-סטער צייט פאָרקומען, אָרדענט היינט אַן די יודישע ספּאָרט-געזעלשאַפט „הפּועל" אַ גאַנצע רייהע – אימפּרעזעס, אין וועלכע עס וועלען אָנטיילנעהמען 800 יודישע ספּאָרט-לייט פון גאַנץ ארץ-ישראל.

## סער מאָנד אין בערלין.

בערלין, 26 (טעלעגראַפיש דורך י.ט.א.) דער געוועזענער ענגלישער מיניסטער אַלפרעד מאָנד און אָנגעזעהענער יודישער גאַץ. טוער איז אין דער שפּיץ פון אַ גרופּע כעמישע אינדוסטריע-לער געקומען קיין דייטשלאַנד. די דעלעגאַציע וויל זיך בעקענען מיט דער דייטשער כעמישער אינדוסטריע.

נייער
גרויסער ראָמאַן
— פון —
נייעם פאָלקסבלאַט

אין פלאַמען
— פון —
ליבע און האַס

טראַגעדיע פון אַ יודישער פאַמיליע אין דער צייט פון וועלט-קריג, געבויט אויפ'ן יסוד פון אמת'ע פאַסירונגען און אָריגינעלע דאָקומענטען

הויבט זיך פריטאָג אָן
צו דרוקען אין
נייעם פאָלקסבלאַט

צענטר. סוחרים- און פאַבריקאַנטען-פערבאַנד
פון דער לאָדזער וואָיעוואָדזטווע, פּיעטריקאָווער 10.
היינט, מיטוואָך, דעם 27 טען ה. ח., 8 אַ זייגער אָוונד קומט פאָר אין פעראיינס-לאָקאַל
אַן אַלגעמיינע פערזאַמלונג
פון דער מאַנופאַקטור-בראַנזשע
מיט פאָלגענדער טאָג-אָרדנונג: 1) הכנסה-שטייער פאַר'ן יאָהר 1926. 2) אומזאַץ-שטייער פאַר'ן יאָהר 1926. 3) אָבטיילונג צו שיצען דעם קרעדיט. 4) רעגיסטראַציע פון פּראָטעסטירטע וועקסלען. 5) וואַהלען פון אַ פערוואַלטונג. 6) פרייע פאָרשלאַגען.
צוליב דער וויכטיגקייט פון דער אויבענדערמאָהנטער פערזאַמלונג בעטען מיר אַלע מאַנופאַקטוריסטען פּינקטליך און צאָהלרייך צו ערשיינען.
די פערוואַלטונג.
825

**DYREKCJA PAŃSTWOWEGO MONOPOLU SPIRYTUSOWEGO Oddział w Łodzi**
podaje do wiadomości detalicznych sprzedawców spirytusu denaturowanego, że począwszy od d. 1 maja r. b. rozpocznie się sprzedaż hurtowa spirytusu denaturowanego we wszystkich Państwowych Wytwórniach i Hurtowniach Państwowych i Komisowych na terenie Województwa Łódzkiego.
W Łodzi sprzedaż hurtową uskuteczniać będzie Państwowa Wytwórnia Wódek Nr. 14 przy ul. Rokicinskiej Nr. 26, oraz Hurtownia Komisowa Pszęgalinskiego i S-ka przy ul. Traugutta Nr. 1.
079

